# פאַראייניגטע וואָרט

פאַרזעצונג פון "די רעליגיעזע שטימע" און פון "די תורה וועלט", תשי"א תשמ"ז

## חרדי'שע אויסגאַבע

182 דיוויזשן עוו. ברוקלין נ.י. 11211

בעזהשי"ת

**UNITED WORD**
**RELIGIOUS EDITION**
**182 DIVISION AV.**
**BROOKLYN N.Y. 11211**
**TEL. 718-387-2217**

**MONTHLY EDITION TO STRENGTHEN RELIGION**

**APRIL'87**

**No. 101**

**חודש אויסגאַבע לחיזוק הדת**

**ניסן תשמ"ז**

עס ווערט אַרויסגעגעבן דורך
אַ גרופע חרדישע אידן
בהנהלת
הרב מראַצפערט שליט"א

**$ 1.- דאָלער**

צו באַקומען אַ גאַנץ יאָר
דורך פאָסט, שיקט אַריין

$ 12


## די רעליגיעזע שטימע
## די תורה וועלט
# פאַראייניגטע וואָרט

כדי צו קענען באַשרייבן דעם אָנהויב פון די 3 ערליי אויסגאַבעס פון זעלבן אַרויסגעבער איז נישט גענוג אין אַ צייטונגס־אַרטיקל פון 1 אָדער 2 זייטן, נאָר עס פאַרלאַנגט זיך אַ דיקע בוך פון לכה"פ 1000 זייטן כדי אַרויסצוברענגען אַביסל די גרויסע שוועריגקייטן און די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון אַרויסצוגעבן אַזאַ אויסגאַבע.

שוין אָפגערעדט פון די פינאַנציעלע שוועריגקייטן וואָס דער גאַנצער לאַסט פון די גרויסע געוואַלטיגע הוצאות פאַלט בלויז אויף איין פערזאָן וועלכער איז גאָר ווייט פון צו זיין דער בעל יכולת דערצו, און מיר רעדן אויך נישט פון דעם וואָס דאָס נעמט צו־צענדליגער און הונדערטער שעה'ן פון זיין צייט, וואָס ער איז אָהן דעם אויך זייער שטאַרק פאַרנומען מיט כלל ענינים מערב עד בוקר ומבוקר עד ערב וואָס צענדליגער אידן קומען צו אים וועגן פאַרשידענע בקשות.

מיר ווילן דאָ בלויז אַרויסברענגען איין פונקט וואָס עס מיינט אַרויסצוגעבן אַ חודש צייטונג וואָס יעדער זאָל זיין דערפון צופרידן. ווי ווייט דער רעדאַקטער זאָל זיך נישט באַמיען מיט זיין צאַמשטעלן די אויסגאַבע וועלן אלעמאָל זיין קריטיקערס וועלכע זאָלן געפונען דאָרט אַן ארטיקל אָדער אַן אויסדרוק וואָס איז נישט גוט לויט זייער אויפפאסונג אָדער לויט זייער שיטה.

נעמט למשל די ערשטע אויסגאַבע אין אַרגענטינע אין תשי"א וואָס אידישקייט אין בוענאס איירעס איז געווען זייער שוואַך און עס האָט דאָרט שטאַרק אויסגעפעלט אַזאַ מין אָרטאָדאָקסישע צייטונג כדי צו וועקן דעם עולם דאָרט, צו תורה מצוות ומעשים טובים, אפילו די פרייע דאָרט האָבן ווייניג געהאַלטן פון אינהאַלט, אדרבא עס זענען געווען אַזעלכע וועלכע זענען געווען שונאים דערצו, ווייל עס האט גערעדט שטרענגע רייד קעגן די מדינה הציונית און זיי האָבן עס גערופן "די נטורי קרתא צייטונג" וואָס די אויסשניט פון זייער צייטונג איז אפילו געוויזן געווארן פאַר רבינו הקדוש מסאטמאר זצ"ל, אַז דאָס הויז פון הרב קרויז ראַצפערטער רב שליט"א איז דער נעסט פון די נטורי קרתא און מען זאָל אים נישט שטיצן ווייל ער איז זיך אויך נישט משתתף צו די "זשואיש אפיל" וכו'.

פונדעסטוועגן ווען די צייטונג האָט אָנגעהויבן צו


CONGREGATION
KEHAL RAATZFERT
182 DIVISION AVE.
BROOKLYN, N.Y. 11211
Tel. 387-2217



Non-Profit Org.
US POSTAGE
PAID
Brooklyn, NY
Permit No. 286

אין ספר שיחת קודש ווערט געברענגט אַ קלאָרע געשפרעך וואָס רבינו הקדוש מסטאמאר זצ"ל האָט גערעדט מיט כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א, ער האָט אים אויך געזאָגט אַז יעדן שבת איז ער אַמאָליגע יאָרן געגאַנגען אין די בתי מדרשים צו רעדן וועגן איסור פון די שייטלען (אפילו גאַנץ קורצע) צום סוף ווילן קומען אַ טייל פון זיינע היינטיגע חסידים און ווילן אסר'ן בלויז לאַנגע רח"ל.

מרן הגה"ק מסאטמאר זל"ע מספר, איך בין געגאנגען אין עטליכע בתי מדרשים. יעדן שבת האב איך געזאגט א דרשה אין אן אנדער בית המדרש. דאס איז געווען וועגן די שייטלען.

געווען געדרוקט אין דעם היגן אַלגעמיינעם צייטונג

# א געהויבענער שבת שירה מיט'ן ראצפערטער רבי'ן אין סיגעט

דאָס אידישע סיגעט, ביים ברעג־ים, לעבן קאָני איילאנד אין ברוקלין, האָט דעם פארגאנגענעם שבת שירה געהאט א געהויבענעם גאסט, דעם ראצפערטער רבי'ן, אדמו"ר הרב ר' אשר אנשיל קרויז שליט"א פון וויליאמסבורג, וועלכער האָט שוין א חזקה צו זיין יעדן שבת שירה צו־גאַסט אין אן אנדער אידישע געגנט צו מפרסם זיין דעם נס וואָס איז אים געשען אין תשכ"ח ווען ער און זיין משפחה זיינען ארויס לעבעדיקע פון א שריפה אינמיטן נאַכט אין זיין בית מדרש אויף סאַוט 9-טע סט. אין וויליאמסבורג.

די אכסניא פון רבי'ן און זיינע באגלייטער איז געווען ביי ר' דוד ליסאווער, א ווארעמער חסידי־שער איד און גרויסער מכניס אורח, וועלכער האָט צוגעגרייט א גרויס־ארטיקן שבת פאַר די געסט. ר' דוד ליסאווער איז אויך גבאי פון בית מדרש קהל יראים, וואָס ווערט אָנ־געפירט פון דעם מרא דאתרא, דער ווייצענער רב, ר' יקותיאל יהודא מייזליש.

דער גאסט האָט געדאוונט מיט התלהבות אויף זיין שטייגער און געפירט טיש פרייטאָג צו־נאַכט ביז נאָך חצות פאר א גרויסן עולם אידן וואָס זיינען זיך צוזאמענגעקומען הערן זיינע גייסטרייכע דברי תורה. און אזוי אויך ביים שלש סעודות טיש אין בית מדרש פון הרב רובין און ביי דער גרויסארטיקער מלוה מלכה. צווישן די אנוועזענדע זיינען געווען אידן וואָס האָבן געדאַוונט אין ראצפערטער בית מדרש אויף סאַוט 9-טע סט. פאר דער שריפה. ער איז אויך צוזאמען מיט דעם מנגן מרדכי בן דוד, אַ תושב פון סיגעט, ארויסגעפאָרן מוצאי שבת צום ברעג ים צו מחדש זיין די לבנה און אָפגעפרישט די צייט ווען מרדכי איז געווען א בן בית ביים ריבניצער צדיק.

זונטאָג בייטאָג האָט דער ראַצ־פערטער רבי באזוכט דעם ביקור חולים וואו ער האָט זיך באגעגנט מיט א צאָל ידידים וואָס דערהאָלן זיך דאָרט, צווישן זיי הרב וויזעל וועלכער איז געווען רב אין אורוגוואי און יעצט אין קיו גאַר־דענס הילס. און ר' מיכאל הירש פון בני ברק, א קרוב פון ראצפערטער רב. ער האָט אויך אויסגעטיילט די לעצטע אויסגא־בעס פון זיין "תורה־וועלט" פון וועלכע דער עולם האָט געהאט גרויס הנאה.

## חילול בית הכנסת אין תל־אביב

כוליגאנעס האבן מחלל געווען א בית הכנסת אין תל־אביב. זיי האבן אויפגעריסן די איינגאנגס טיר, און דאן האבן זיי אראפגעווארפן די ספרי קודש אויף די ערד, און זיי געשע־נדעט.

די מתפללים, וועלכע זענען געקומען אין דערפריה צום דאווענען, זענען אויפגעציטערט געווארן, זעהנ־דיק דעם מורא'דיקן חילול בית הכנסת. די פאליציי איז גלייך אנגע־קומען אויפ'ן פלאץ, און זי האט אנ־געהויבן צו פארשן, כדי אויסצוגע־פינען צו איז דאס געווען א מעשה פון אראבישע טעראריסטן, אדער פון סתם כוליגאנעס.

## אוישוויץ-אויסשטעלונג געוויזן אין אַמעריקע

ווארשע. — דא איז אנטפלעקט געווארן אן אפמאך צווישן דער פוילישער רעגירונג און דעם „יונייטעד דזשואיש אפיל" פון אמע־ריקע, אין וועלכן עס ווערט געזאגט, אז דער אוישוויץ מוזיי (פון פוילן) וועט ארויסבארגן 90 קעסטלעך מיט האר פון די אומגעקומענע אין לאגער, ווי אויך רעשטלעך פון די אויוונס וואו מען האט פארברענט די קרבנות. אויסער דעם וועט דער מוזיי אויך בארגן 135 טאוולען מיט בילדער, וואס זענען א טייל פון דער אויסשטעלונג „אוישוויץ. פארברעכנס קעגן דער מענטשהייט".

די אלע אביעקטן וועלן געוויזן ווערן אין די אמעריקאנער שטעט במשך פון די קומענדיקע צוויי יאר.

געווען געדרוקט אין דעם היגן אַלגעמיינעם צייטונג

בס"ד

## דרינגנדער רוף פון ראצפערטער רב צו בעלי בתים פון מצה בעקערייען

שוין צוואנציק יאר וואָרן איך אייך, אז פרויען מיט אָפגעדעקטע, אייגענע האָר, טאָרן ניט באַקן מצות און זאָגן "לשם מצות מצוה". אויב זיי טראָגן שייטלעך, דאַרפן די שייטלעך אויך זיין פארדעקט. חמץ טאָר ניט געגעסן ווערן וואו מען באַקט מצות. אפילו אינדרויסן טאָר מען אויך ניט עסן קיין חמץ וד"ל.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך מזהיר זיין דעם חשוב'ן עולם אז רבינו הקדוש זצו־ק"ל מסאטמאר, האט גע־אסר'ט אפילו קורצע שייט־לעך. ער האָט געזאָגט, אז מיר טאָרן ניט מוותר זיין אויף די רייד פון חתם סופר און דברי חיים מצאנז זי"ע. קויפט דעם ספר פון סוגי' פאה נכרית, וואָס איך האָב ארויסגעגעבן און וואס ווערט פארקויפט ביי אלע מוכרי ספרים.

**הק' אשר אנשיל קרויז**
ראצפערטער רב
182 דיוויזשן עוו., ברוקלין, נ.י.
טעל.: 718 — 387-2217

גוטע מזל טוב נייעס
CANTOR
אַ היימישער יונגערמאַן א חזן שטעלט אָן צו גיין זינגען און משמח זיין אויף חתונות. פאַר רעזער־ווירונג רופט בייטאָג 782-6608, ביינאַכט: 384-6154

"LICENSED LOCKSMITH"
HOMES — COMMERCIAL — INDUSTRIAL 24 HR. EMERGENCY SERVICE HIGH SECURITY SPECIALIST
389-8605
*R. WEISMAN*

# ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל

## זעכציג פון די גדולי הפוסקים פון פאַרשידענע תקופות און מדינות וועלכע האָבן גע'אסר'ט פאַר אַ פרוי צו גיין אין אַ שייטל, צווישן זיי זענען דאָ עטלעכע וואָס זאָגן אַז עס איז אַן איסור דאורייתא און מען טאָר נישט זאָגן קיין שום דבר שבקדושה אויב עס איז פאַר זיינע אויגן, דעם זעלבן דין האָט אויך אַ פריזעט וואָס איז געמאַכט פון האָר.

**זוכט אייך נישט קיין פאַלשע תירוצים און קוקט נישט אויף אַזעלכע וואָס ווילן אייך פאַרדרייען אַז בלויז אַ לאַנגע איז אסור, דאָס איז פונקט אַזוי ווי מען זאָל זאָגן אַז בלויז אַ גרויסע טעלעוויזשן איז אסור אָבער אַ קליינע נישט, חס וחלילה אַזוי צו זאָגן. אפילו בלויז איין האָר פון די שייטל איז נישט פאַרדעקט איז עס אויך אַן איסור וד"ל. און דער וואָס טוט פאַרשפרייטן אַזאַ מודעה איז עתיד ליתן את הדין, ווייל זיי זענען דערמיט מכשיל את הרבים, און זיי טוען פאַרקרימען די רייד פון חתם סופר און דברי חיים זצוק"ל**

דער סדר פון די מדינות לויט א' ב' און דער סדר פון די גדולי ישראל, לויט די תקופה ווען זיי האָבן געלעבט

### א. גדולי אשכנז

א. רבי שמואל יהדא קצנלבויגן (מהר"י מינץ)
בשו"ת באר שבע סי' י"ח

ב. רבי יששכר בער איילנבורג בעל באר שבע
שם סי' י"ה

ג. רבי יעקב אב"ד צוזומיר
בשו"ת בית יעקב סי' צ"ג

ה. רבי יעקב עמדין (יעב"ץ)
במור וקציעה סי' ע"ה, ובשאילת יעבץ סי' ט'

ה. רבי פנחס הורוויץ בעל הפלא"ה
בלחמי תודה דף ד'

ו. רבי יוסף תאומים בעל פרי מגדים
באו"ח לי' ש"ג משבצות סק"ט

ז. רבי נח חיים צבי ברלין בעל מעיין החכמה
בעצי ארזים אהע"ז סי' כ"א

ח. רבי משולם זלמן הכהן בעל בגדי כהונה
בשער הזקנים ח"א דף מ"ג

ט. רבי האלק המבורג בעל שמלת בנימין
בשער הזקנים שם

י. רבי אלעזר פלעקלס בעל תשובה מאהבה
ח"א סי' מ"ח

יא. רבי אלעזר בעל שמן רוקח
בצוואתו ריש יבין שמועה (קראקא תרס"ד)

יב. רבי ברוך יטלש בעל טעם המלך
בתשובה מאהבה סי' מ"ז

יג. רבי צבי הירש הורוויץ
בלחמי תודה דף י"ט

יד. רבי יעקב הייל
בתורת שבת סי' ש"ג סק"י

טו. רבי ישראל ליפשיץ בעל תפארת ישראל
פ"ו דשבת מ"ה

### ב. גדולי אונגרין

א. רבי משה סופר בעל חתם סופר
בצוואתו ובהגהותיו או"ח סי' ע"ה

ב. רבי מאיר אש בעל אמרי אש
לב העברי ח"א דף פ"א

ג. רבי יהדא אסאד בעל שו"ת מהרי"א
בחיו"ד סי' שס"ו

ד. רבי יקותיאל יהדא טייטלבוים בעל ייטב לב
ייטב פנים מאמר דורש טוב

ה. רבי הלל ליכטנשטיין (קאלאָמייער)
אבקת רוכל ח"ב כלל ב'

ו. רבי אליעזר זוסמן סופר בעל ילקוט אליעזר
בצוואתו ריש מלאה קטורת

ז. רבי דוד ליב זילבערשטיין בעל שבילי דוד
או"ח סי' ב' סק"ב

ח. רבי גרשון ליטש ראזנבוים
משיב דברים ח"ב סי' קכ"ז

ט. רבי צבי הירש שפירא בעל דרכי תשובה
תפארת בנים סימן ב'

י. רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבשם
הכנה דרבה אות י"ח

יא. רבי שלמה יודא מסיגוט בעל ערך ש"י
תשובת ש"י מ"ק סי' תק"ע

יב. רבי עקיבא יוסף שלזינגר בעל לב העברי
בלב העברי ח"א דף פ"א

יג. רבי יצחק אייזיק מספינקא בעל חקל יצחק
אמרי יוסף במדבר בסו"ס סי' ו'

יד. רבי חיים אלעזר שפירא בעל מנחת אלעזר
נמוקי או"ח סי' ע"ה

טו. רבי יצחק צבי לעבאוויטש בעל שולחן העזר
בח"ב סי' ט' אות י'

## ג. גדולי ליטא

א. רבי אליהו חסיד מווילנא (הגר"א)
שנות אליהו שבת פ"ו מ"ה ובהגהות רנ"ה

ב. רבי מנחם מנדל מליבאוויץ בעל צמח צדק
צ"צ על משניות פ"ג דברכות

ג. רבי צבי הירש אורנשטיין אב"ד בריסק
ישועות יעקב אהע"ז סי' כ"א

ד. רבי יהושע ליב דיסקין אב"ד בריסק
שו"ת מהרי"ל דיסקין קונ"א סי' ד"ג

ה. רבי יוסף דייזין אב"ד מעלז
עדות ביהוסף סי' כ"ט ענף ג'

## ד. גדולי הספרדים

א. רבי יוסף בן עזרא בעל עצמות יוסף
משא מלך ה"ז חקירה י'

ב. רבי חיים בנבשתי בעל כנסת הגדולה
שם אהע"ז סי' כ"א סק"ה

ג. רבי יצחק למפרונטי בעל פחד יצחק
שם אות הפ'

ד. רבי דוד קורינאלדי בעל בית דוד
פ"ו דשבה מ"ב

ה. רבי יעקב אלגזי (אבי הרי"מ אלגזי)
קהלת יעקב מענה לשון ח"ג אות ר"מ

ו. רבי רפאל מילדולה מאמסטרדם
מים רבים אהע"ז סי' ל"ו

ז. רבי חיים יוסף דוד אזולאי (חיד"א)
ברכי יוסף או"ח ש"ג, מחזיק ברכה סי' ע"ה

ח. רבי יעקב פרדו (בן הג"ר דוד ז"ל)
אפי זוטרי אהע"ז סי' כ"א

ט. רבי אהרן קריספין בעל בית אהרן
בהאהע"ז מערכת הפ'

י. רבי יוסף נסים בורלא ראב"ד ירושלים
וישב יוסף חיו"ד סי' ב'

יא. רבי אברהם פלאג'י
ברך את אברהם פ' בחוקתי

יב. רבי חיים חזקי' מדיני בעל שדי חמד
אסיפת דינים מערכת ד'

## ה. גדולי פולין וגאליציע

א. רבי יעקב אורנשטיין בעל ישועות יעקב
או"ח סי' ע"ה סק"ג

ב. רבי שלמה קלוגר מבראד
שנות חיים תשו' שמ"ז

ג. רבי צבי הירש חיות
שו"ת מהרץ סי' נ"ג

ד. רבי חיים הלברשטאם מצאנז בעל דברי חיים
ח"ב סי' נ"ט

ה. רבי מרדכי זאב עטינגר בעל מאמר מרדכי
מגן גבורים סי' ע"ה

ו. רבי יוסף שאול נטנזאהן בעל שואל ומשיב
מגן גבורים שם

ז. רבי ארי' ליב הורוויץ בעל הרי בשמים
מהדו"ק סי' ל"ו

ח. רבי אברהם תאומים בעל חסד לאברהם
מהד"ת אהע"ז סי' פ"ז

ט. רבי יצחק שמעלקיס בעל בית יצחק
בית יצחק או"ח סי' ט"ז

י. רבי יחזקאל הלברשטאם משינאווא
דברי יחזקאל דרוש לשבועות

יא. רבי יחיאל מיכל היבנר בעל משכנות הרועים
במשכה"ר ח"ב דף י"ב

יב. רבי שלום מרדכי הכהן (מהרש"ם)
דעת תורה או"ח סי' ע"ה

יג. רבי ישכר דוב רוקח מבעלזא
קונטרס דיבורים קדושים

## דער פסק פון די מארי דאתרא ירושלים

מיט נאך ירושלימער גדולים וצדיקים זצלה"ה

מיר צייכענען די נעמען פון די באוואוסטע גדולי ירושלים וועלכע אסר'ן צו גיין מיט א פאריק, וואס אין אלע צייטן האט מען זיך געפירט אין ירושלים עיה"ק ת"ו לויט זייער פסק.

הגאון הקדוש מרן רבי יהושע ליב דיסקין
(זע גדולי ליטא נר' 4)

הגאון הקדוש מרן רבי שמואל סלנט

הגאון הקדוש מרן רבי יוסף חיים זאננפעלד
(דת משה ויהודית עמוד מ"ד)

הגה"צ רבי עקיבא יוסף שלזינגר
(זע גדולי אונגרין נו' 12)

הגה"צ רבי עקיבא פרוש מה"ס משנת רבי עקיבא
(בקונטרס דת יהודית כת"י)

הגה"צ רבי דוד בהר"ן ז"ל
(דת משה ויהודית עמוד מ"ד)

הגה"צ רבי יעקב דידאָהסקי בעל ציונים לתורה
(בספרו מחניך קדוש סי' ז')

נאָך די אַלע פוסקים הנ"ל ווילן קומען אַזעלכע וואָס רופן זיך חסידים און זענען מתיר אַ דבר איסור מיט פאַלשע רייד, נאָר כדי זיי זאָלן קענען נאָכגעבן זייער תאוה, דאָס איז נישט קיין דרך פון חסידות נאָר ווי דער הייליגער צאַנזער רבי זי"ע האָט געזאָגט אַז דאָס קומט פון די אפיקורסים רח"ל. די שייטלען זענען צוגעפּאַסט פאַר די מאָדערנע און מזרחי פרויען נישט פאַר אַזעלכע וועלכע ווילן זיך רופן "חסידישע פרוי" וד"ל.

דער ספר ווענן
איסור פון קורצע שייטלען
איז יעצט דערשינען דורך
דעם ראצפערטער רב שליט"א
צו באַקומען פאַר בלויז $3.50
אויף
182 דיוויזשן עוועניו,
ברוקלין, ניו יאָרק
אָדער פאַרלאַנגט עס ביי אייער
מוכר ספרים

**כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א** האָט מעורר געווען אין זיין דרשה ב' דחוה"מ סוכות תשמ"ז וועגן צניעות פון די קליידער וכו' און ער האָט אויך געזאָגט אַז עס איז אַ גרויס פירצה צו גיין אין שייטלעך.

**פאַרצייטנס אין אונזערע מקומות איז מען אין שייטלעך נישט געגאַנגען ווייל עס זעט אויס ווי האָר** (כל שכן נאָך די היינטיגע איז ממש ווי האָר, ממילא איז עס אַן איסור דאורייתא אַזוי צו גיין אין גאַס, עס מעג זיין גאַנץ קורץ איז עס דאָך אַ חציפות). עס איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי אידישע קינדער זאָלן זיך אַזוי וועלן מדמה זיין צו די אומות העולם רח"ל, זאָגט דער סאַטמאַרער רבי שליט"א

## בית המדרש קהל ראצפערט

### צו אַלע חסיד'ישע פרויען תחי'

מ'יר זענען מודיע בפקודת הרב שליט"א, אַז פרויען וועלכע גייען אין אָפענע שייטלען, מעגן זיי זיין גאַנץ קורץ, טאָרן נישט אַריינקומען אין אונזער ווייבערשיל צו די תפלות בשום אופן.

אַזוי ווי דער רב שליט"א האָט עס נאָך אַמאָל מיט 15 יאָר צוריק געשריבן צווישן זיינע אזהרות, אַז נישט נאָר ר"ה און יו"כ טאָר מען נישט, אַזוי ווי עס איז געווען די תקנה אין סאַטמאַר, נאָר אַ גאַנץ יאָר אויך נישט, וד"ל.

הגבאים

**דער הייליגער צאַנזער רבי זצ"ל האָט געאַסר'ט מאַשין מצות, אויך האָט ער געאַסר'ט פאַר אַ פרוי אַ גאַנץ קורצע שייטל**

הק' אשר אנשיל קרויז
רב דקהל ראצפערט

שטריימלעך
ספעשל פאר חתנים
202 Keap St.
Brooklyn N.Y. 11211
387-7832




פסח ספעשעל
ראָגס, קאַרפּעטס, און דרעיפּס געקלינט. מיר פּיקן דאָס אויף אָדער איר ברענגט דאָס צו אונז פאַכמאַנישע אַרבעט, נאָך אין צייט פאַר יום טוב. רופט היינט, לייגט נישט אָפּ 857-0900
CLINE'S RUGS
UPHOLSTERY CLEANERS
ESTABLISHED 1893
784 UNION ST.
צווישן 6טע און 7טע עוו. ברוקלין

DR. KETY
167 Rutledge St.
וועט זיין אפן אי"ה
יעדן זונטאג פון 11 ביז 3
צו מאכן סטיטשעס און עמערדזשענסיס ווי אויך אלע מעדעצינישע באדערפענישן
875-9003

## אל כבוד הרב הגאון אב"ד ראַצפערט שליט"א

איך קום מיט די שורות אויסדרוקן מיין פרייד, אַז זינט איך האָב געקויפט דעם סידור קרבן אשר אין פאָרמאַט קטן, דאַוועגט זיך אַ סאַך אַנדערש אין די גרויסע אותיות, און די עיקר מעלה איז, אַז עס איז געדרוקט געוואָרן דורך. שומרי שבת.

דער רבי שרייבט אין די הקדמה אַז ער האָט געטובל'ט די פלאַטען. עס איז באַקאַנט אַז אַ ספר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין סלאַוויטא איז זייער חשוב ווייל זיי האָבן געטובל'ט די אותיות. דאָס זעלבע חשיבות האט דער קרבן אשר סידור. דערפאַר קומט אַ גרויסן דאַנק פאַרן רבי'ן וואָס ער האָט מזכה געווען דעם ציבור אַזוי ווי ער איז אַלעמאָל מזכה.

דער אויבערשטער זאָל אים געבן כח, ער זאָל ווייטער קענען ממשיך זיין די עבודה לשם שמים ונזכה להרמת קרן ישראל בב"א.

הק' **אלעזר הלוי גרובער** בן ר' **בנימין**
דומ"ץ בהתאחדות הרבנים
לומד בישיבת תורה ויראה
ד'סאטמאר

פאפא קידוש זאַל
פאר אלע
אייערע שמחות
**858-5801**

# אן אויפקלערונג וועגן עירוב אין וויליאמסבורג למען האמת

אין צוזאמענהאנג ווי מיר האבן שוין מפרסם געווען שיטת רבינו הקדוש מרן אדמו"ר מסאטמאר זצללה"ה, דאס ער האט פולשטענדיג מסכים געווען צו מאכן אן עירוב אין וויליאמסבורג אזוי ווי זיינע אבות הקדושים זצ"ל האבן געטאן, און מיר האבן אויף דעם עדות פון המשב"ק הרה"ח המפורסם הר"ר יוסף אשכנזי שליט"א נאמן ביתו של רבינו זצ"ל, ווי מיר האבן פון אים אויך א בריוו וואס איז געדרוקט געווארן אין די תורה וועלט אין חודש טבת און נאך עדות וועלכע ווייסן דערפון, האבן מיר געזען א קר"ק אונטערגעשריבן פון עטלעכע רבנים וועלכע האבן געשריבן פארקערט.

למען האמת איז דא קיין סתירה נישט פארהאנדן, ווייל אין שנת תש"כ ווען די ציונים מיט מנחם מענדיל כשר בראש, און מיסטער לעם וועלכער איז דער ראש פון יצחק אלחנן קאלידזש וועלכער האט אגב ארויסגעגעבן א תלמיד ווי הרב ר' ... וואס ער איז דער איינציגער מתנגד פון עירוב, רזה פריה. אויך איז דארט געווען א רב וואס האט א סקול געמישט יונגלעך מיט מיידלעך וכדומה, האבן געוואלט מאכן אן עירוב פאר גאנץ נו־יארק ארום און ארום, איז דער רבי זצ"ל געווען פארשטייט זיך דערקעגן, כדי זיי זאלן ח"ו נישט זיין די בעלי בתים איבער די שטאט און איבער די עירובין, און ער האט באקעמפט זייער עירוב, ווייל ער האט געהאלטן אז ציונים כופרים טארן נישט אנפירן מיט קיין שום אידישקייט, אבער ער האט קיינמאל נישט געזאגט דאס מען טאר נישט מאכן קיין עירוב.

אדרבה א יונגערמאן בשעת ווען הגאון ר' דוד קליין זצ"ל בעמ"ח ס' ארזי הלבנון האט ארויסגעגעבן אן איסור פאר נשים צו טראגן תכשיטים אום שבת ווייל עס שטייט אין שו"ע אז נשים טארן נישט ארויסגיין מיט תכשיטים דארט ווי עס איז פאראן א רה"ר, האט כ"ק רבינו זצ"ל געענטפערט, אז אין ברוקלין איז נישט דא קיין רה"ר.

אויך איז דעמאלט בשעת מעשה ווען הרה"ג ר' דוד קליין זצ"ל האט געטומלט ביי א מיעטינג פון התאחדות הרבנים, זענען אלע רבנים ארויסגעקומען דערקעגן אז מען מעג טראגן תכשיטין ווייל עס איז נישט דא קיין רה"ר דאורייתא, ביי די אסיפה זענען געווען אלע זקני הרבנים בימים ההם ווי כ"ק אדמו"ר משאפראן זצ"ל און ר' יונתן שטייף זצ"ל ועוד.

אבער אין שנת תשל"ו 16 יאר שפעטער ווען מען איז געקומען צו כ"ק רבה"ק זצ"ל זאגן דאס אונזערע רבנים פון התאחדות הרבנים ווילן מאכן אן עירוב אין וויליאמסבורג האט כ"ק רבינו זצ"ל מיט שמחה מסכים געווען און ער האט געהייסן געבן זיין משב"ק הר"ר אשכנזי שליט"א די ערשטע $300 צושטייער פאר'ן עירוב, איז ממילא נישטא קיין סתירה אין רבינו זצ"ל'ס ווערטער ח"ו, ואלו ואלו דברי א"ח, וכמה עמוקים דברי רביז"ל.

אויב אבער איינער וואס זוכט צו פארקרימען דעם אמת און ער דענקט דאס עס איז יא פארהאנען א סתירה האבן מיר אבער א כלל אין אלע פוסקים דאס די שפעטערע רייד פון א פוסק ווערט אנגענומען אלס הלכה, (ועי' שד"ח כללי הפוסקים), און ווי באוואוסט האט כ"ק רביז"ל דאס געזאגט שפעטער אז מען זאל יא מאכן אן עירוב אזוי ווי איך האב עס נאך מפרסם געווען בחייו של רביה"ק זצ"ל אין די תורה וועלט, און אין המאור אין דער איד און אין דרשות ברבים ווי אויך האט דאס אחי הרהגה"צ מוהר"ר שלום קרויז שליט"א בעמ"ח שו"ת דברי שלום על ד' חלקי שו"ע געשריבן אין זיין הסכמה און עס איז געווארן מפורסם ביי יעדן אן קיין צווייפל, און ביז די לעצטע פאר חדשים האט קיינמאל קיין איין רב און קיין איין בעל בית נישט געהערט קיין איין ווארט קעגן עירוב. נאר אויב עס ווערט אריינגעמישט פאליטיק מיט גיאות ומחלוקת דעמאלט זענען שוין דא מעוררים וד"ל, ודי למי שרוצה להודות על האמת.

**הק' אשר אנשיל קרויז**
אבדק"ק ראצפערט
בעמ"ח ס' בירור הלכה

# געקליבענע מאמרים פון צדיקים זצ"ל וועגן דעם איסור פון גאַנצע קורצע שייטלען, עס איז אַזוי ווי אייגענע האָר רח"ל

## מען איז עובר אויף ולא יראה לך חמץ

עס שטייט אין די הייליגע תורה - ולא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור - ווייל איך וואלט געקענט מיינען אז דער חמץ און דער שאור פון די ווייב מעג מען יא זעהן, נאר דער אמת איז אז אויף דעם איז מען אויך עובר אויף בל יראה, אזוי ווי די הייליגע משנה זאגט - אלו עוברין אויף בל יראה, כותח הבבלי וכו' ר"א זאגט אויך אויף תכשיטי נשים, און זייערע מלבושים, זייערע הוט"ן און זייערע שייטלעך.

(ס' ייטב פנים סוף מאמר זכר ליציאת מצרים בשם ההי"ק ר"ר מענדעלי מרימאנוב זי"ע)

## וואס האט מען אויפגעטוהן מיט'ן אפשניידען די אייגענע האר אויב מען טוט אהן א שייטל

איינמאל האט דער הייליגער ייטב לב געזאגט אויף דעם פסוק - לא יהי' כלי גבר על אשה - (ד.ה. עס זאל נישט זיין קיין מאנס פערזאן קליידונג אויף א פרוי) אז דאס גייט ארויף אויף די קאפעלוטשען וואס די פרויען טראגען. נאך האט דער ייטב לב געזאגט פשט אין דעם וואס די גמרא זאגט - דער אויבערשטער איז מדקדק מיט די צדיקים ווי א פאדעם פון א האר - אז דאס מיינט אויך שייטלעך וואס מען טוט אהן אויף דעם קאפ און עס זעט אויס ווי אייגענע האר, כדי עס זאל זיך דאכטען פאר די מענטשן אז זי גייט מיט די אייגענע האר, יעצט אויב אזוי, וואס האבן זיי אויף געטוהן, אייגענע האר איז דאך באמת אסור (פונקט ווי למשל חס ושלום עס מאכט זיך ביי א מענטש א מין קרענק און די האר פאלט איהם ארויס, קויפט ער זיך א שייטל וואס מען זאל מיינען אז דאס איז זיינע האר, אזוי אויך א שייטל איז דאך אייגענע האר ממש)

(ס' פאר וכבוד דף י"ד בשם הייטב לב זי"ע)

## מען זאל שלאגען אויף דעם קאפ, דאס מיינט מען אויף דעם שייטל

דער הייליגער לבושי מרדכי שרייבט אז מען טאר נישט גיין מיט א שייטל, און ער ברענגט אראפ פונעם הגה"צ מהח"ש זצ"ל אב"ד פונעם שטאט אבראהם אז דאס וואס די גמרא זאגט - טול מקל והך על קדקדן - מיינט צו זאגען אז מען זאל נעמען א שטעקן און שלאגן אויפ'ן שייטל.

און אין זכות פון נשים צדקניות און צנועות וועט דערנענטערט ווערן אונזער אויסלייזונג.

(לבושי מרדכי יו"ד תנינא סי' קס"ח)

## נישט אריין גיין אין א הויז ווי די פרוי גייט מיט א שייטל

הגאון הצדיק רבי יצחק זאב יאדלער (דער בעל מחבר פון ספר תפארת ציון אויפ'ן מדרש רבה) פלעג זיך פארמיידען פון אריין צו גיין אין די הייזער וואס די ווייבער פלעגען גיין אנגעטוהן מיט א שייטל, ווייל ער האט דאס געהאלטען פונקט ווי אפענע אייגענע האר.

(בטוב ירושלים פון זיין זוהן הרה"צ רב"צ יאדלער זצ"ל, עמוד רצ"ז)

און לעצטנס האט זיך שטארק איינגעריסן אפילו ביי די וואס פלעגען שטארק אפהיטן די גדרי הצניעות, איז יעצט נאכגעלאזן, מען לאזט איבער די מסורה, דעם לבוש פון אונזערע הייליגע מאמעס, און מען ווערט אריינגעכאפט אין די פרצה פון אומווערדיגן פארוק אזוי ווי דער נאכגעלאזענער המון און כמעט ווי עס ווערט פארגעסן דער חיוב אז חתונה געהאטע ווייבער דארפן צודעקן דעם קאפ.

און דער הייליגער חתם סופר וואס ער איז אונזער אלעמענס רבי האט שוין אפגע'פסק'ענט (תשובה או"ח סי' ל"ו) אז עס העלפט נישט איין דעק אויפ'ן קאפ, אפילו עס דעקט צו אלע ערטער ווי עס איז דא האר, נאר עס איז א חיוב גמור צו צודעקן דעם קאפ מיט צוויי דעקן דוקא, און וועלכע פרוי עס גייט ארויס אין גאס מיט איין דעק אליין איז עובר אויף דת יהודית און מען דארף איהר גט'ן אן א כתובה, (זי באקומט ניט קיין כתובה ווי עס באקומען אלע גע'גט'ע פרויען).

נאך שרייבט דער חתם סופר דארט אז אונזערע עלטערן און זיידעס אין אלע ערטער ווי יודן זענען צושפרייט האבן שוין גענומען אויף זיך אז אפילו אין הויף (נישט נאר אין גאס) זאל זי נישט ארויסגיין מיט איין דעק נאר דוקא מיט צוויי, און קען זיין אז אפילו ווער עס איז עובר אויף דעם (א פרוי וואס גייט ארויס אין הויף - נישט אין גאס - נאר מיט איין דעק אויפ'ן קאפ) דארף מען אויך גט'ן אן א כתובה.

געדענקט! עס איז נישט דא קיין פשרות, קליינע טעלעוויזשן, אַ ביסל ציונות אָדער אַ קליינע שייטל איז אויך אסור, אַזוי זענען די רייד פון די גאונים וצדיקים זצוק"ל, לאָזט אייך נישט פאַרפירן אויף לינקס!

ב"ה, ראש חודש ניסן תשמ"ז לפ"ק.

הק' אשר אנשיל קרויס
רב יקהל ראַצפערט

# צו אַלע חסידישע פרויען תחי'

דער הייליגער צאַנזער רבי זצוק"ל מיט נאָך טויזנט רבנים גאו"צ זצ"ל האָבן געאַסר'ט צו עסן מאַשין־מצות אין פסח.

איר דאַרפט אָבער וויסן אַז דער זעלבער הייליגער צאַנזער רבי זצ"ל מיט נאָך טויזנט רבנים זצ"ל און דער חתם סופר בראש האָבן אויך געאַסר'ט פאַר אַ פרוי צו גיין אין אַ אָפענע שייטל אפילו אַ גאַנץ קורצע פון 1 אינטש אָדער אַ פריזעט פון האָר, און דאָס זעלבע האָט אויך אונז געלערנט רבינו הקדוש מסאַטמאַר זצוק"ל.

יעצט בעפאָר פסח ווען איר זענט מבער אַלע חמוצים פון הויז, טוט דעם שייטל אויך מבער זיין כדי אייער הויז זאָל זיין עכט חסידיש, און איר זאָלט נישט גורם זיין מכשיל צו זיין מיט ברכות לבטלות אייער מאַן נ"י אַזוי ווי עס פסקענען די גאו"צ זצ"ל.

## אַ פראַגע פון די חסידישע פרויען

שאלה: וואָלט איר געגאַנגען עסן מאַשין מצות אין פסח?

ענטפער: ניין, חלילה!

שאלה: פאַרוואָס?

ענטפער: ווייל דער הייליגער צאַנזער רבי זצ"ל מיט נאָך 100 רבנים גאונים און צדיקים האָבן עס געאסר'ט.

שאלה: דער זעלבער צאַנזער רבי זצ"ל מיט נאָך 100 רבנים האָבן דאָך אויך געאסר'ט צו טראָגן אַ גאַנץ קורצע שייטל, נו פאַרוואָס זענט איר עובר אויף זייערע רייד?

ענטפער: ווייל דער בעל דבר איז זייער שטאַרק אין דעם פרט, און איך קען זיך נישט שטאַרקן איבער אים.

דער אַנדערער תירוץ איז וואָס מענטשן זאָגן, אויב אַ שייטל וואָלט געווען גאָר פאַר 8־טאָג צייט, און די מצות מיט מאַשין וואָלט געווען פאַר אַ גאַנץ יאָר וואָלט מען אָפּגעהיטן די שייטלן נישט די מצות, אָבער אַזוי ווי עס איז פאַרקערט, אַז די מצות זענען בלויז אויף 8־טאָג צייט און צו זיין אָפּגעהיטן אפילו פון אַ גאַנץ קורץ שייטל איז אויף אַ גאַנץ יאָר, טוט מען ליבערשט אָפּהיטן די מצות נישט דעם איסור פון קורצע שייטלען, מעג עס זיין אסור פון חתם סופר אָדער צאַנזער צו פון בעלזער אָדער ייטב לב אָדער מונקאַטשער און אפילו פון סאַטמערער רבי'ן זצ"ל.

איר דאַרפט אָבער וויסן אַז אויב איר זענט אַ חסיד נישט צו עסן מאַשין מצות דאַרפט איר אויך זיין אָפּגעהיטן נישט צו טראָגן אַ שייטל אָדער אַ פריזעט פון האָר חו"ל.

(משלי ג) כבד את ד' מהונך. ודרשו ע"ז החז"ל הקודשים. א"ת מהונך אלא מגרונך. אפש"ל בעז"ה בדרך רמז עפימש"כ בספה"ק ליקוטי מהר"ן סי' ר"ד. וזל"ק: מעלת הצדקה ידוע. בפרט כשנותנין לת"ח כמובא שהמעות שנותנין לת"ח הוא בחי' תמכי אורייתא. אבל באמת זה המעות שנותנין לתלמיד חכם הוא בחי' תורה ממש. ואין עבירה יכול לכבות זה המעות שנותנין לת"ח. כי אין עבירה מכבה תורה כשרז"ל (סוטה כא.) וזה המעות הוא בחי' תורה ממש כנ"ל. וזה מעו"ת ר"ת ו'אין ע'בירה מ'כבה ת'ורה: עכל"ק, והנה המלים א"ת ד'. מרמז על תלמידי חכמים כמו שדרש ר' עקיבא בגמרא בכתוב א"ת ד"א תירא לרבות תלמידי חכמים מהרבוי של מלת א"ת. ועפי"ז אפש"ל בעז"ה בדרך רמז. כבד א"ת ד' מהונך. והיינו שתכבד את התלמידי חכמים שנלמוד זאת מהכתוב א"ת ד"א תירא מהרבוי של מלת א"ת לרבות תלמידי חכמים תכבדם מהונך ותתמוך אותם. ועל זה דרשו החז"ל הקדושים א"ת מהונך. והיינו שאז כשאתה זוכה לכבדם מהונך בזה שאתה תומך אותם בממון אז א"ת ואל תאמר זאת שבזה שאתה תומך אותם בממון יש לך רק את זה הזכיי' והמצו' של תמיכת תלמידי חכמים ואתה רק מתמכי אורייתא זה לא אלא מגרונך. והיינו אלא שתדע ותחזיק בדעתך